ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת קדושים

אידיש

**530**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק שלשים

## קדושים

אין דעם פרק ווערט ערקלערט, די פליכט וואָס ליגט אויף דעם מענטש מקיים צו זיין אַלע מצוות, און אויך די מעלה פון גמילות חסדים.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון דרייסיגסטער פרק


**א.** אַן עצה פון דעם שלי"ה הקדוש, ווי אַזוי יעדער איד קען מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות, עס זענען דאָך דאָ מצוות וואָס זענען נישט שייך צו יעדן איינעם......ג

**ב.** נאָך וועגן ווי אַזוי יעדער איד קען מקיים אַלע תרי"ג מצוות......ד

**ג.** כדי דער מענטש זאָל זיך איילן צו טוהן מצוות, זאָל ער זיך פאָרשטעלן פאַר זיינע אויגן, אַז מיט דעם וואָס ער איז מקיים די מצוות איז ער, כביכול, אַ שותף מיטן אויבערשטן. – אַ משל אויף דעם......ו

**ד.** דער קיום פון אַלע מצוות ווענדעט זיך אין דעם קיום פון מצות מילה, און אַז דער מענטש זאָל ח"ו נישט פוגם זיין אין זיין הייליגן ברית......ז

**ה.** די מעלות פון צדקה און גמילות חסדים......ז

# פרק שלשים

**אַן עצה פון דעם של״ה הקדוש, ווי אַזוי יעדער איד קען מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות, עס זענען דאָך דאָ מצוות וואָס זענען נישט שייך צו יעדן איינעם.**

**א. ידיעת המִצוֹת,** צו וויסן די מצוות מקיים צו זיין בשלימות איז זייער גרויס. דעריבער וועל איך דאָ שרייבן דערפון.

**ב. כתב,** דער חסיד בעל של״ה שרייבט, דער מענטש הייסט נישט גאַנץ ביז ער איז מקיים אַלע תרי״ג מצוות, אָבער אַז ער איז נישט מקיים איז ער פגום. וויפיל מצוות אים ער איז נישט מקיים, אַזוי פיל פגימות זענען דאָ אין זיין נשמה, און אויך יעדער מצוה טוּט לייכטן אין דער נשמה, און אַז ער איז נישט מקיים אַ מצוה, האָט ער שאָדן דעם שכר פאַר איר.

**ג. ואם,** נאָר ווי דען איז מעגליך, אַז אַ מענטש זאָל מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות? אַפילו משה רבינו עליו השלום האָט נישט מקיים געווען אַלע תרי״ג מצוות, ווייל עס זענען דאָ פיל סיבות פאַרוואָס אַ מענטש קען זיי אַלע נישט מקיים זיין. דהיינו, די דינים פון כהנים און לויים, וואָס דאָס איז נישט נוהג ביי ישראלים, און אויך זענען דאָ מצוות וואָס זענען נוהג ביי ישראלים און נישט ביי כהנים און לויים. און אויך ווען איינער האָט נישט קיין זוהן, קען ער נישט מקיים זיין די מצוה פון מילה.

**ד. הסִבה,** אויך זענען דאָ מצוות וואָס ווענדן זיך אין בית המקדש, און אַזעלכע מצוות וואָס זענען נוהג נאָר אין ארץ ישראל, און נישט אין חוץ לארץ.

**ה. אלא,** נאָר אַלע מצוות זענען כלול איינס אין אַנדערן. דעריבער

זאָל יעדער איד מקיים זיין פון די תרי״ג מצוות די מצוות וואָס ער קען, און ער זאָל זיך פרייען מיט׳ן אויבערשטנס דינסט, און ער זאָל זיין אָנגעגרייט מקיים צו זיין דאָס וואָס איז אים מעגליך. דעמאָלטס ווען אפילו די מצוות וואָס ער קען נישט מקיים זיין, גערעכנט ווערן פאַר אים גלייך ווי ער האָט זיי מקיים געווען.

**נאָך וועגן ווי אַזוי יעדער איד קען מקיים אַלע תרי״ג מצוות**

**ו. אמר,** זאָגט דער מחבר, מיר דאַכט, אַז יעדער איד איז טאַקע מקיים אַלע תרי״ג מצות דורך גלגול, ווייל דער וואָס איז אַ ישראל ווערט דערנאָך מגולגל אין אַ כהן, און איז מקיים די מצוות פון כהנים, דערנאָך ווערט ער מגולגל אין אַ לוי, און אַזוי אויך דער כהן ווערט מגולגל אין אַ לוי, און דער לוי אין אַ כהן, ביז יעדער מענטש איז מקיים אַלע תרי״ג מצוות.

**ז. אמנם,** אָבער דער אמת איז, אַז אַלע נשמות פון אידן זענען אַזוי ווי איין נשמה, און אויך אַלע גופים זענען ווי איין גוף. און דאָס איז דער טעם וואָס איינער ווערט געשטראָפט פאַר דעם אַנדערן, ווייל זיי זענען אַלע איין גוף. קומט דאָך אויס, אַז ווען איינער פון זיי איז מקיים אַ מצוה, איז גלייך ווי אַלע זענען עס מקיים. דעריבער איז יעדער מקיים די מצוות פון די כהנים און לויים. אויך איז יעדער מקיים די מצוות פון יבום, חליצה און גט.

**ח. והמשל,** און אַ משל דערצו, זענען די איברים פון גוף, ווייל פון דעם וואָס די האַנט טוהט, קומט אַרויס אַ נוצען פאַר די אַנדערע איברים פון גוף, און אַזוי אויך דאָס וואָס פון דעם וואָס די פיס טוהט, און אַזוי אויך יעדער אֵבר, וויבאַלד זיי זענען אַלע צוזאַמען איין גוף. און דעריבער, ווען די אידישע קינדער האַלטן זיך צוזאַמען מיט ליבשאַפט, ווערן זיי אָנגערופן איין גוף, און אַ מצוה וואָס איינער טוהט, ווערט פאַררעכנט, ווי אַלע זענען דאָס מקיים.

**אך,** נאָר דער ישראל זאָל טראַכטן, הלואי וואָלט איך געווען אַ כהן, כדי איך זאָל קענען מקיים זיין די מצוה פון די כהנים אויך, און אזוי אויך די מצוות פון די לויים.

**וכן,** און אַזוי קענסטו זען יעקב אבינו ע״ה, וואָס האָט געזאָגט, מיט לבן האָב איך געוואוינט און די תרי״ג מצוות האָב איך געהיט. איז שווער, ער האָט דאָך נישט מקיים געווען די מצוות וואָס געהערן צו כהנים און לוים, יבום, און חליצה, און גט, און דאָס גלייכן.

**אלא,** נאָר דער תירוץ איז, ווייל יעקב אבינו איז געווען דער שורש פון אַלע נשמות פון די אידן, און ווייל זיי וועלן מקיים זיין די תרי״ג מצוות, ווערט עס גערעכנט גלייך ווי ער אַליין האָט זיי מקיים געווען, ווייל דער כח פון די צווייגן זענען אין דעם שורש.

**ט. גם,** נאָך אַ תירוץ קען מען זאָגן דערויף, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא איז מצרף אַ גוטע מחשבה צו אַ מעשה. דעריבער, אַז דער מענטש טראַכט ביי זיך, ווען איך זאָל זיין אַ כהן אָדער אַ לוי, וואָלט איך מקיים געווען אַלע מצוות וואָס געהערן צו זיי, ווערט עס אים גערעכנט גלייך ווי ער איז זיי מקיים, און אויף דעם דרך האָט יעקב אבינו ע״ה געהיט די תרי״ג מצוות, ווייל זיין גאַנצע טראַכטונג איז געווען מקיים צו זיין אַלע מצוות.

**י. והיותר,** און אַ פשוט'ע תירוץ אויף דעם קען מען זאָגן, אויף דעם דרך וואָס אונזערע חכמים ז״ל זאָגן, אַז יעדער מענטש וואָס לערנט די דינים פון קרבנות, איז גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות, און אַזוי אויך דער וואָס לערנט די מצוות וואָס מען דאַרף טוהן אין ארץ ישראל, און די מצוות פון כהנים, פון יבום און חליצה, איז גלייך ווי ער האָט זיי מקיים געווען. דעריבער קען יעדער מענטש מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות.

**כדי דער מענטש זאָל זיך איילן צו טוהן מצוות, זאָל ער זיך פאָרשטעלן פאַר זיינע אויגן, אַז מיט דעם וואָס ער איז מקיים די מצוות איז ער, כביכול, אַ שותף מיטן אויבערשטן. - אַ משל אויף דעם.**

**יא. והנה,** און כדי דער מענטש זאָל זיך מזרז זיין צו טוהן די מצוות, זאָל ער געדענקען דעם פאָלגענדן משל:

**לאחד,** איינער האָט געוואָלט מאַכן אַ שותפות מיט אַ גרויסן עושר. דער עושר האָט אַריינגעלייגט אין דער שותפות זעקס הונדערט און דרייצן פונט גאָלד, און ער האָט אַריינגעלייגט הונדערט זילבערנע גילדן. נו, כאָטש ער הייסט דאָך אַ שותף, פונדעסטוועגן איז ער נישט אַ פולער שותף, ווייל ער האָט דאָך נישט אַזוי פיל אַריינגעלייגט אין דער שותפות ווי יענער, און פון דעם ריוח קומט אים נאָר לויט דעם קרן וואָס ער האָט אַריינגעלייגט, און אויב ער לייגט-צו צום קרן באַקומט ער אַ גרעסערן טייל אין דער שותפות, און אַזוי אַלעמאָל וואָס ער לייגט צו ביז אין אַ צייט אַרום וואָס זיי פאַרגלייכן זיך אין דעם קרן, ווערן זיי רעכטע און פולע שותפים.

**כך,** אַזוי אויך דער אויבערשטער ברוך הוא איז מקיים אַלע תרי"ג מצוות, און אַז דער מענטש איז מקיים אַ מצוה, ווערט ער אַ שותף צום אויבערשטן ברוך הוא אין דער מצוה אַליין, ביז ער טוט אַלע תרי"ג מצוות, ווערט ער זיין רעכטער שותף, ווייל זיין קרן טרעפט שוין אויך אָן תרי"ג.

**יב. וכיון,** און אַז עס איז אַזוי, ווי שטאַרק מוז דער מענטש טראַכטן צו טוהן מצוות, ביז ער זאָל אַלע תרי"ג מצוות מקיים זיין, כדי ער זאָל קענען זיין אַ שותף מיט השם יתברך כביכול, און ווי שטאַרק מוז ער זיך באַמיען אָנצוגרייטן צו דער דאָזיגער שותפות, ווייל דער ריוח איז גרויס, און די זאַך אַליין איז גרינג, ווייל אַז ער לערנט די

ענינים פון די מצוות ווערט עס אים גערעכנט גלייך ווי ער טוט זיי, און ער נעמט דערויף שכר גלייך ווי ער האָט זיי ממש געטוהן.

## דער קיום פון אַלע מצוות ווענדעט זיך אין דעם קיום פון מצות מילה, און אַז דער מענטש זאָל ח"ו נישט פוגם זיין אין זיין הייליגן ברית.

**יג. וידוע,** דו זאָלסט וויסן, אַז דער קיום פון אַלע מצוות איז אָנגעווענדעט אין דער מצוה פון מילה. אויך דער וואָס איז גע'מל'עט, נאָר ער האָט פוגם געווען אין זיין ברית מיט זנות, דערמיט פאַרשטאָפט ער ווידער דעם מקור מים חיים, און ער קען שוין דערנאָך נישט מקיים זיין די מצוות בשלימות, ביז ער זאָל תשובה טאָן.

**יד. הכלל,** דער כלל איז, אַז אויב דער איד היט זיין ברית מילה, איז דאָס גורם מען זאָל אים פון הימל מזמין זיין מצוות צו טוהן, און זיי באַלייכטן אים און באַשיצן אים, און אויך באַשיצן זיי די גאַנצע וועלט, און דעמאָלט ווערט ער אָנגערופן אַ שותף צו דעם אויבערשטן ברוך הוא.

## די מעלות פון צדקה און גמילות חסדים

**טו. גם,** אויך צוליב דעם קיום פון זיין שותפות מיט דעם אויבערשטן ברוך הוא, זאָל ער אָנהאַלטן אין דער מדה פון חסד, אַזוי ווי אברהם אבינו ע"ה האָט אין איר געהאַלטן. ער איז געווען דער ערשטער מענטש וואָס האָט זיך גע'מל'עט.

**טז. וגם,** און אויך דער מענטש וואָס טוט חסד, און טוט מען אים אָפּ דערפאַר שלעכטס, ווייל עס זענען דאָ אַסאַך מענטשן וואָס זענען כפוי טובה, און נישט גענוג וואָס זיי דאַנקען נישט, ווילן זיי אים נאָך שלעכטס טוהן. פונדעסטוועגן זאָל ער נישט אַוועקוואַרפן דאָס טוהן חסד מיט גוטע און שלעכטע מענטשן, אַזוי ווי יוסף הצדיק.

**יז. וילמוד,** ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דעם אויבערשטן ברוך הוא וואָס ער טוט שטענדיג חסד, און מען טוט אַזעלכע זאַכן וואָס זענען אים דערווידער, ווייל ער גיט געלט צו אַ מענטש, און דער מענטש דערצערנט אים נאָך מיט דעם געלט, ער היילט אַ חולה פון זיין קראַנקהייט, און ער גייט און גנב'עט און איז מזנה, און באַ'עוול'ט מענטשן, און פונדעסטוועגן טוט דער אויבערשטער פאָרט ווייטער גוטס מיט אים, און הערט נישט אויף אַפילו איין רגע. און ווייל עס איז יאָ אַזוי, ווי אַזוי זאָל דער מענטש זיך פאַרמיידן פון צו טוהן חסד, ווייל מען טוט אים אָפּ שלעכטס דערפאַר.

**יח. לכן,** דעריבער ליגט אויף אים דער חיוב צו טוהן חסד צו יעדן מענטשן, כדי זיין שותפות מיט דעם אויבערשטן ברוך הוא זאָל האָבן אַ קיום.

**יט. מקום,** דער אויבערשטער ברוך הוא האָט דיר געגעבן אַן אָרט אָפּצולערנען זיך פון די פיש, ווייל יעדן טאָג גייט איין פיש צו דעם לויתן, ער זאָל אים אויפעסן כדי גומל חסד צו זיין מיט דעם לויתן. דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אין זיי אַריינגעגעבן אַזאַ טבע, כדי דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען דערפון ווי גומל חסד צו זיין, אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין מסכת בבא בתרא, רב ספרא דערציילט, איינמאָל בין איך געגאַנגען אויף אַ שיף, האָב איך געזען ווי אַ פיש האָט אויסגעצויגן זיין קאָפּ פון דעם וואַסער, און ער האָט אַ האָרן, וואָס אויף אים איז אויסגעקריצט, איך בין לאַנג דריי הונדערט מייל, און איך גיי צו דעם מויל פון דעם לויתן. זאָגט רש"י דעם פשט, אַז דאָס מיינט מען, ער גייט צום לויתן אַז דער לויתן זאָל אים אויפעסן.

**כ. ויש,** און עס איז דאָ אַן אָרט אין דעם מדבר, וואָס דאָרט איז נישטאָ קיין וואַסער, און דאָרט ווערן געפונען גרויסע עופות, און ווען זיי זעען מענטשן גייען דאָרט, גייען זיי צו אַזאַ אָרט וואו עס איז דאָ וואַסער און זיי פילן אָן זייערע קראָפּן מיט וואַסער, און זיי

קומען און ליידיגן אויס דאָס וואַסער וואָס איז אין די גריבער וואָס זענען דאָ אין דער מדבר וואו די מענטשן גייען, כדי די מענטשן זאָלן נישט שטאַרבן פאַר דאָרשט.

**כא. הרי,** זענען זיי זיך דאָך מטריח צו טוהן חסד, און כאָטש זיי האָבן דאָך דערפאַר קיין שכר נישט, איז דאָך אַ כל שכן אַז דער מענטש וואָס האָט שכר פאַר דעם גמילות חסד וואָס ער טוט, דאַרף ער אַוודאי טוהן חסד מיט אַנדערע.

**כב. איתא,** עס שטייט אין "**פרק שירה**", אין דער צייט ווען דוד המלך ע"ה האָט מסיים געווען דעם ספר תהלים, האָט ער געזאָגט, רבונו של עולם, איז דען דאָ אַ בריה אויף דער וועלט וואָס ער זאָגט מער שירות ותשבחות פון מיר. איז געקומען אַ צפרדע, אַ פראָש, און האָט געזאָגט, דוד, האַלט זיך נישט גרויס, ווייל איך זאָג צו דעם אויבערשטן מער שירות ותשבחות פון דיר, און איך בין עוסק אין אַ גרויסע מצוה, ווייל אויף דעם ברעג פון דעם ים איז דאָ אַ באַשעפעניש וואָס זיין פרנסה איז נאָר פון וואַסער, אָבער ער האָט מורא צו קומען אין וואַסער. בשעת ער ווערט הונגעריג, נעמט ער מיך מיט מיין גוטן ווילן און עסט מיך אויף.

**הרי,** נו, די פראָש גיט זיך אַליין איבער כדי צו טוהן חסד, מכל שכן אַז דער מענטש נעמט דאָך דערפאַר שכר, און דער חיוב איז אויף אים צו טוהן דעם ווילן פון באַשעפער, איז שוין אַ פשיטא אַז ער דאַרף טוהן חסד מיט יעדן מענטשן.

**כג. פְּקַח,** עפן אויף דיינע אויגן, און זע דעם חילוק וואָס איז דאָ צווישן דעם חסד וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא טוט מיט דעם מענטשן, און דער חסד וואָס איין מענטש טוט מיט זיין חבר. דער חסד פון דעם אויבערשטן יתברך איז אַ חסד של אמת, ווייל ער האָפט נישט אַז מען זאָל אים באַצאָלן פאַר דעם חסד. עס איז גלייך ווי דער חסד וואָס מען טוט מיט אַ מת רח"ל, ווייל מיר קענען נישט

באַצאָלן צו דעם אויבערשטן ברוך הוא פאַר דעם חסד וואָס ער טוט מיט אונז. און דער מענטש וואָס טוט חסד מיט דעם אַנדערן מענטשן, האָפט יאָ אַז ער זאָל אים אויך באַצאָלן חסד פאַר דעם חסד וואָס ער טוט מיט אים. און אויך דער חסד וואָס ער טוט מיט מתים, איז אויך נישט קיין חסד של אמת, ווייל ער האָפט דערפאַר צו נעמען שכר פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, און אויך אַז דער מת האָט קרובים, קען זיין אַז ער טוט חסד מיט דעם מת, כדי ער זאָל האָבן אַ הילף פון זיינע קרובים.

**כד. גם,** אויך זע דעם גרויסן חסד פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, ווייל אפילו וואָס דער מענטש עסט און טרינקט רעכנט עס אים דער אויבערשטער ברוך הוא אויך פאַר אַ חסד, און גיט אים שכר דערויף, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן גע'דרש'נט אויף דעם פסוק "**גומל נפשו איש חסד**", אַז דאָס וואָס דער מענטש איז גומל מיט זיין אייגענעם לייב, וואָס ער עסט און טרינקט, דאָס ווערט אויך אָנגערופן אַ חסד.

**וגם,** און אויך האָבן די חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא שטראָפט דעם מענטש וואָס זעט אַ פרי און גלוסט דערצו, און עסט נישט דערפון. נו, זע זיין רחמנות, וואָס ער וויל אַז דער מענטש זאָל זיך נישט מצער זיין.

**כה. וגם,** און דאָס וואָס ער שפייזט זיינע קליינע קינדער ווערט אים גערעכנט פאַר אַ צדקה, און דער אויבערשטער גיט אים שכר. און כאָטש דער מענטש שפייזט דאָך זיי צוליב זיין ליבשאַפט צו זיי, און עס איז אין אים איינגעפאַסט געוואָרן אַזאַ טבע אַז ער זאָל זיי ליב האָבן, פונדעסטוועגן באַצאָלט אים דער אויבערשטער ברוך הוא שכר דערויף. נו, זענען דען דאָ גרעסערע חסדים פון דעם.

**ובהיות,** און ווייל עס איז יאָ אַזוי, וואָס פאַראַ תירוץ איז דאָ צום מענטשן, אַז ער זאָל זיך פטר'ן פון טוהן שטענדיג חסד,

מיט גוטע און מיט שלעכטע. עס שטייט דאָך אין פסוק **"והלכת בדרכיו"**, דו זאָלסט גיין אין זיינע וועגן, אַזוי ווי ער איז אַ דערבאַרעמדיגער, אַזוי זאָלסטו אויך זיין אַ דערבאַרעמדיגער. אַזוי ווי ער איז אַ חסיד, אַזוי זאָלסטו אויך זיין אַ חסיד. און וואָס איז זיין חסידות? צו טוהן חסד צו גוטע, און אויך צו די מענטשן וואָס זינדיגן פאַר אים. אַזוי אויך דו, מענטש, טו חסד אַפילו מיט דעם וואָס האָט געזינדיגט קעגן דיר, און דורך דעם וועט דער אויבערשטער ברוך הוא דיר מוחל זיין, כאָטש דו האָסט געזינדיגט פאַר אים.

**כו. ובמעלת,** און וועגן דער מעלה פון צדקה שרייבט דער חסיד בעל השל"ה, אַז דער מענטש וואָס טוט צדקה נישט פאַר דעם אויבערשטנס וועגן, נעמט ער דערפאַר זיין שכר תיכף אויף עולם הזה, אָבער דער וואָס טוט לשם שמים ווערט אין אים מקויים וואָס אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן גע'דרש'נט אויף דעם פסוק **"רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד"**, דער וואָס זוכט צו טוהן צדקה און חסד, דעם שיקט צו דער אויבערשטער ברוך הוא געלט, אַז ער זאָל טוהן צדקה, און ער שיקט אים צו ערלעכע מענטשן פאַר וועמען צו געבן צדקה, כדי ער זאָל נעמען אַ גוטן שכר, און ער איז זוכה צו קינדער וואָס זיי וועלן זיין בעלי חכמה און בעלי עושר. דאָס איז אויף דער וועלט, און נאָך זיין טויט קומען די מלאכים און גייען פאַר אים, און רופן אויס, מאַכט אַן אָרט פאַר דעם דאָזיגן מענטש.

**כז. פְּקַח,** עפן דיין שכל און פאַרשטיי אַז אויסער די מעלות וואָס זענען דאָ אין דעם ענין פון צדקה, אַזוי ווי עס שטייט אין דער גמרא און מדרשים און ספרי מוסר, איז דאָ נאָך אַ מעלה דערין, וואָס זי ברענגט בושה אויף דער וועלט, און אַ בושת פנים האָט דעם גן עדן, פאַרקערט פון אַן עזות פנים, וואָס ער קומט אין גיהנם אַריין, ווייל עס זענען דאָ אַזעלכע מענטשן וואָס גיבן צדקה. דעריבער, די וואָס נעמען צדקה האָבן בושה און שעמען זיך פאַר די מענטשן וואָס גיבן זיי די צדקה, און דאָס ברענגט זיי דערצו אַז זיי זאָלן נישט טוהן וואָס

זייער האַרץ באַגערט, און דאָס ווערט ביי זיי אַ טבע און זיי זינדיגן נישט. דורך דעם איז זיי גוט אויף דער וועלט.

**גם,** אויך די מענטשן וואָס גיבן צדקה קויפן זיך דעם אויבערשטנס פאָרכט, ווייל זיי זעען דעם חסד וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט מיט זיי געטוהן, וואָס זיי קענען געבן צדקה און מוזן נישט נעמען, און ווייל זיי האָבן מורא אַז דאָס רעדל זאָל זיך אויף זיי נישט איבערקערן צום שלעכטן ח״ו, פאַרגיטיגן זיי זייערע מעשים אויך אין אַנדערע ענינים. זעט מען דאָך דערפון אַז צדקה ברענגט פרידן צווישן מענטשן און דעם אויבערשטן ברוך הוא אין הימל, ווייל דורך דער צדקה ווערן געריינִיגט די רייכע און די אָרימע. די צדקה איז אַזוי ווי אַ מקוה וואָס איז מטהר די טמא׳נע מענטשן.

❀ ❀ ❀